# קאלאן קענסער פארמיידונג | ריזיקע אפשאצונג און סקרינינג פארם

**פאציענט אנווייזונגען: 1. פילט אויס דעם פארם. 2. רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן אייער ריזיקע און סקרינינג אפציעס.**

## פאציענט אינפארמאציע

ווי אלט זענט איר? ______ זענט איר שוין אמאל געסקרינט געווארן פאר קאלאן קענסער? ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא

אויב יא,

ווי אזוי זענט איר געסקרינט געווארן? ☐ קאלאנאסקאפי ☐ סטול-באזירטע (פיקעל) טעסט

☐ אנדערע ____________________

ווען איז געווען אייער לעצטע סקרינינג? ☐ וויניגער ווי א יאר צוריק ☐ איינס ביז ניין יאר צוריק ☐ 10 אדער מער יאר צוריק

## ריזיקע פראגעס

### סקרינינג היסטאריע:

| | |
|---|---|
| 1. האט איר שוין אמאל באקומען א דיאגנאז פון קאלאן קענסער אדער רעקטל קענסער? | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |
| 2. האט מען שוין אמאל געטראפן א קאלאן אדער רעקטל פאליפ? | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |

### סימפטאמען:

**האט איר שוין אמאל געהאט איינע פון די פאלגנדע סימפטאמען?**

| | |
|---|---|
| 3. בלוטן פון אייער רעקטום אדער בלוט אין אייער סטול | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |
| 4. ענדערונג אין קישקע באוועגונגען, אזוי ווי כסדר'דיגע קאנסטיפעישאן, אפטע דייעריע אדער טויש אין סארט סטול | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |
| 5. אומערקלערטע וואג פארלוסט | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |
| 6. בויך אדער רעקטל ווייטאג וואס גייט נישט אוועק | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |

### פערזענליכע און פאמיליע היסטאריע:

**האט איר שוין אמאל באקומען א דיאגנאז פון:**

| | |
|---|---|
| 7. אלסערעטיוו קאלייטיס | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |
| 8. קראון'ס דיזיז | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |
| 9. סיסטיק פיבראסיס | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |

**זענט איר אדער אייער ביאלאגישע עלטערן, געשוויסטער אדער קינד אמאל געווארן דיאגנאזירט מיט:**

| | |
|---|---|
| 10. פאמיליעל אדענאמאטוס פאליפאסיס (Familial adenomatous polyposis, FAP) | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |
| 11. גע'ירש'נטע נאנ-פאליפאסיס קאלאן קענסער (Hereditary nonpolyposis colon cancer, HNPCC) אדער לינטש סינדראם (Lynch syndrome) | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |
| 12. קאלאן קענסער, רעקטל קענסער אדער פאליפס אינעם קאלאן אדער רעקטום? | ☐ ניין ☐ איך ווייס נישט ☐ יא |

אויב יא,

וועלכע קרוב(ים)? ☐ ביאלאגישע עלטערן ☐ ביאלאגישע געשוויסטער ☐ ביאלאגישע קינד ☐ איך ווייס נישט

עלטער(ס) ביים דיאגנאז? ________

**פאר מער אינפארמאציע אויף קאלאן קענסער:**

באזוכט nyc.gov/health און זוכט פאר "colon cancer" (קאלאן קענסער), אדער רופט 311.

פרעגט אייער העלט קעיר פראוויידער פאר א קאלאן קענסער פארמיידונג בראשור.

Health

New York Citywide Colorectal Cancer Control Coalition

פראוויידער אנווייזונגען: קוקט איבער דעם פארם איך צו העלפן אפשאצן דעם פאציענט'ס אינדיווידועלע ריזיקע און סקרינינג אפציעס. ענטפערן "יא" צו סיי וועלכע פון די אויבנדערמאנטע פראגעס ציינט אז דער פאציענט קען זיין אין א העכערע ריזיקע; באראט זיך מיט א ספעציאליסט פאר סקרינינג רעקאמענדאציעס. פאציענטן וואס ענטפערן "ניין" צו אלע ריזיקע פראגעס קענען זיין אין דורכשניטליכע ריזיקע און קענען זיין בארעכטיגט פאר סיי וועלכע די רעקאמענדירטע סקרינינג אפציעס.

# פארמינערט אייער ריזיקע און ווערט גע'סקרינ'ט פאר קאלאן קענסער

## וואס איז קאלאן קענסער?

קאלאן (אדער קאלארעקטל) קענסער פאסירט אין די גרויסע קישקע (קאלאן) אדער רעקטום. עס איז א הויפט אורזאך פון קענסער טויט פאר ניו יארקער.

## וואס איז אייער ריזיקע פאר קאלאן קענסער? ווען זאלט איר אנהויבן סקרינ'ען?

אפשאצן אייער ריזיקע איז א וויכטיגע שריט פון קאלאן קענסער סקרינינג. מיר מוטיגן רוב ערוואקסענע מענטשן צו פרעגן זייער העלט קעיר פראוויידער וועגן קאלאן קענסער סקרינינג אנגעהויבן פון 45 יאר אלט. געוויסע מענטשן דארפן באקומען א פריערע אדער מער אפטערע סקרינינג צוליב געוויסע ריזיקע פאקטארן, אזוי ווי האבן א היסטאריע פון קאלאן קענסער אדער פרי-קענסערדיגע פאליפס אין די פאמיליע. זאגט פאר אייער העלט קעיר פראוויידער אויב אייערע ביאלאגישע עלטערן, געשוויסטער אדער קינדער האבן אדער האבן געהאט קאלאן קענסער אדער פאליפס, רעקטל קענסער אדער סיי וועלכע אנדערע קענסערס. איר קענט אויך העלפן באשיצן אייער פאמיליע דורך מיטטיילן אייער קענסער אדער פאליפ היסטאריע מיט אייער פאמיליע. דאס וועט זיי העלפן וויסן זייערע ריזיקע פאקטארן און ווען צו ווערן גע'סקרינ'ט.

אפילו אויב איר זענט אונטער 45 יאר אלט, איז וויכטיג צו דערקענען קאלאן קענסער סימפטאמען און אייער אינדיווידועלע ריזיקע באזירט אויף אייער פאמיליע היסטאריע. איגנארירט נישט קיין מעגליכע סימפטאמען אין סיי וועלכן עלטער. זאגט פאר אייער העלט קעיר פראוויידער אויב איר האט בלוט אין אייער סטול, כסדר'דיגע בויך אדער רעקטל ווייטאג, אדער אומערקלערטע וואג פארלוסט. קאלאן קענסער איז צומאל נישט גורם קיין סימפטאמען זאפארט. אויב איר זענט בארעכטיגט פאר סקרינינג, זאלט איר ווער גע'סקרינ'ט אפילו אויב איר שפירט געזונט.

## סקרינינג אפציעס צו אנטדעקן אדער פארמיידן קאלאן קענסער

רוטינע סקרינינג קען פארמיידן קאלאן קענסער אדער העלפן עס טרעפן פרי, ווען די באהאנדלונג ארבעט אפטמאל אמבעסטן. רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן אייערע סקרינינג אפציעס.

ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט רעקאמענדירט אז קאלאן קענסער סקרינינג אפציעס זאלן אריינרעכענען:

- ◄ אן אונטערזוכונג מיט די אויגן וואס קוקט אויב עס זענען דא צייכנס פון קענסער אינעם קאלאן אדער רעקטום.
  - **קאלאנאסקאפי:** קליינע רער מיט א לעקטער און קאמערע ווערט אריינגעלייגט אינעם רעקטום צו זוכן פאליפס און קענסער
- ◄ סטול-באזירטע טעסטס* וואס קוקן אויב עס זענען דא צייכנס פון קענסער אינעם סטול (אפפאל).
  - **פיקעל אימיונאקעמיקל טעסט (FIT):** פאציענט שטעלט צו איין קליינע סטול ביישפיל וואס ווערט אונטערזוכט פאר צייכנס פון בלוט
  - **הויכע סענסיטיוויטעט גויעאיק פיקעל אקאלט בלוט טעסט (HSgFOBT):** פאציענט שטעלט צו מערערע סטול ביישפילן וואס ווערן אונטערזוכט פאר צייכנס פון בלוט
  - **מולטי טארגעטעד סטול DNA טעסט (FIT-DNA):** פאציענט שטעלט צו איין קליינע סטול ביישפיל וואס ווערט אונטערזוכט פאר בלוט און אבנארמאלע DNA

*די טעסטס פארלאנגען א צייטליכע פאלא-אפ קאלאנאסקאפי פאר מענטשן וואס האבן אן אומגעווענליכע רעזולטאט.

## באצאלונג

רוב אינשורענס פלענס, אריינגערעכנט Medicaid און Medicare, דעקן קאלאן קענסער סקרינינגס. פונדעסטוועגן, דעקונג קען זיין אנדערש. רעדט זיך דורך מיט אייער העלט קעיר פראוויידער און אינשורער איבער דעקונג איידער אייער סקרינינג טעסט.

אויב איר האט נישט קיין אינשורענס, קענט איר זיין בארעכטיגט זיך איינצושרייבן פאר ביליגע אדער אומזיסטע דעקונג. רופט 311 פאר אומזיסטע הילף זיך איינצושרייבן.

אויב איר קענט נישט באקומען קיין אינשורענס, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר ביליגע אדער אומזיסטע סקרינינג. באזוכט nyc.gov/health און זוכט "colon cancer" (קאלאן קענסער) געוואור צו ווערן מער.